בעזהשי"ת

# א חסידישע מלוה מלכה

## מיט הרה"ח ר' אברהם צבי אונגער שליט"א
## סיפורי צדיקים מקוריים בטוב טעם ודעת

גליון נ"ז / סיפורי צדיקים יארצייטן השבוע / פרשת ויחי / טבת תשפ"ה

## הרה"ק ר' דוד'ל זלאטיפאלער זצ"ל

י"א טבת איז די יארצייט פון הרה"ק ר' דוד'ל זלאטיפאלער זצ"ל.

### דער עלטסטער פון פיר זון

ער איז געווען דער עלטסטער פון די פיר זון פון הרה"ק ר' יוחנ'טשע ראחמיסטירווקא'ר - ר' דוד'ל, ר' נחומ'טשע; ר' מאטעלע - דעם רבינ'ס זיידע, און ר' וועלוועל - דער שווער פונעם אמרי חיים.

*

ער איז דער איינציגסטער וואס ליגט אין חו"ל - אין אוקריינע, די אנדערע דריי ליגן אין א"י אינעם אוהל אויפן הר הזיתים וואס ר' מאטעלע האט אפגעקויפט פון דער חברא קדישא - ווייל דער מנהג אין טשערנאביל איז דאך צו לייגן אין אן אוהל. ווען ער האט עס אפגעקויפט האט ער געזאגט: "יעצט וועלן שוין די ברידער אויך וועלן קומען קיין א"י". כך הוה, די ברידער ר' וועלוועל און ר' נחומ'טשע זענען אויך געקומען.

*

ר' דוד'ל איז נאך געבוירן געווארן אין טשערנאביל בחייו פונעם זיידן דער טשערנאבילער מגיד.

זיין מוטער איז געווען א טאכטער פון הרה"ק ר' פינחס מ'קולק, א זון פונעם 'אור המאיר'.

### זיין צורה - א צדיק הדור!

ס'שטייט אין 'ברכת אהרן' אז הרה"ק ר' אברהם אלימלך פון קארלין האט פארציילט, אז ווען ר' דוד'ל זלאטיפאלער איז געבוירן געווארן, איז דער זיידע דער טשערנאבלער מגיד אריין צום יולדת זאגן 'מזל טוב'. האט ער זיך אפגערעדט, אז דעם קינד'ס פנים איז שטארק ווייס. האט דער טשערנאבלער מגיד געענטפערט: "וואס? ער איז נישט קיין הדר? ער וועט זיין א צדיק הדור!"

*

דער רבי זאל זיין געזונט דערציילט, אז דער רבי ז"ל האט שטארק מפליא געווען די צורה פון ר' דוד'ל זלאטיפאלער. ווען דער רבי ז"ל איז געווען א קינד איז ר' דוד'ל געווען אמאל אין סקווירא האט אים דער רבי ז"ל דעמאלס געזען, און זיין פנים איז געווען 'בלוי'.

### ביים שווער דער בית אהרן

ער איז געווארן אן איידעם ביי הרה"ק ר' אהרן קארלינער (דער צווייטער ר' אהרן, דער בית אהרן).

איך האב געהערט פון רבי'ן זאל זיין געזונט, אז אמאל איז ער געווען ביים שווער דער בית אהרן פרשת תצוה, און מ'האט אים מכבד געווען מיט אן עליה לתורה אויף אחרון, בשעת ווען דער בית אהרן איז געווען דער בעל קורא. ווען ער איז אנגעקומען צו די ווערטער 'קודש קדשים הוא לה'' (מיט די ליטווישע הברה), האט ער געוויזן מיטן פינגער אויפן איידעם ר' דוד'ל. זייענדיג מרמז אז ר' דוד'ל איז קודש קדשים!

### צדיקים העידו עליו

זיין פאטער ר' יוחנ'טשע האט געזאגט אויף אים: "יעדער בכור איז 'קדשים קלים', מיין דוד'ל איז קדשי קדשים!"

*

ר' איציקל סקווירא פון תל-אביב האט געזאגט, אז הרה"ק ר' איציק'ל סקווירער האט געזאגט אויף ר' דוד'ל זלאטיפאלער (זיין נעפיו): "ער איז ביי מיר א גרויסער". דאס האט געמיינט אין יענע דורות גאר א שטארקע טיטל.

*

הרה"ק ר' דוד משה מטשארטקוב האט געזאגט: "צוויי ר' דוד'לעך שיינען ארויס פון אוקריינע, ר' דוד'ל סקווירער און ר' דוד'ל זלאטיפאלער". כאטש וואס ער איז געווען אין גאנץ אן אנדערע געגנט.

### סמיכה פון הרה"ק ר' אהרן טשערנאבלער

דער ראחמיסטריווקא רבי' זצ"ל-חדב"ן האט דערציילט, אז די ערשטע פאר יאר נאך די חתונה האט ר' דוד'ל נישט געהאט קיין קינדער ל"ע, און די דאקטוירים האבן געהייסן ער זאל פארן נעמען בעדער. האט דער פאטער ר' יוחנ'טשע אים געזאגט: "אז דו פארסט ארויס אויף דער וועלט, פאר שוין צו ר' אהרן טשערנאבלער. ער וועט דיר געבן סמיכה צו זיין רבי". די אנדערע דריי ברידער האבן באקומען סמיכה פון הרה"ק ר' איציק'ל סקווירער.

### גזירת צאדיקאוו

זיין זון האט געהייסן ר' מרדכי, וואס איז געווען אן איידעם ביי הרה"ק ר' אברהם יהושע העשיל - דער בכור פון ר' איציק'ל סקווירער. די חתונה איז געווען אין סקווירא, און די גאנצע משפחה האט באקומען רשות ארויסצופארן צו דער חתונה. יענע צייטן איז געווען די באקאנטע גזירה אז משפחת 'טווערסקי' האבן נישט געמעגט ארויספארן פון שטאט אן רשות פון מלוכה. זייער א רשעות'דיגע גזירה געווען, ס'האט געהייסן 'צאדיקאוו'. אויסער

דער זיידע ר׳ יוחנ׳טשע וואס האט בשום אופן נישט באקומען רשות.

ר׳ יוחנ׳טשע האט געהאט שטארקע עגמת נפש, ס׳האט אים זייער שטארק וויי-געטון. איז די רביצין אריינגעקומען צו אים און געשריגן: "היתכן אזאנס, מ׳געבט נישט רשות פאר א זיידע צו פארן צו דער חתונה?"

האט ר׳ יוחנ׳טשע געזאגט: "ער וועט אויך ניט דערלעבן ביז צו דער חתונה" [דער רשע וואס האט נישט געגעבן רשות וועט אויך נישט דערלעבן]. כך הוה, דער גוי האט גע׳פגר׳ט אפאר טאג שפעטער.

## די חתונה ביים פעטער אין סקווירא

דער ראחמיסטריווקא רבי זצ"ל-חדב"ן האט דערציילט, וואס ער האט געהערט פון א ראחמיסטריווקא חסיד ר׳ בנציון קרינפיס:

ווען ר׳ דוד׳ל איז געפארן מיטן זון ר׳ מרדכי קיין סקווירא צו דער חתונה, איז ער אריין צו ר׳ איציק׳ל סקוויראר׳ר נעמען שלום. האט זיך ר׳ איציקל אנגערופן: "דאס נעמט מען פון מיר אויך צו, אז מ׳לאזט מיר נישט גיין מקבל פנים זיין דעם חתן?" דערנאך האט ר׳ איציק׳ל סקווירער זיך אנגערופן אויף ר׳ דוד׳ל זלאטיפאלער: "גאר דער טאטע, גאר דער רבי מיט זיין עניוות..."

האט אים ר׳ איציקל געפרעגט וואו ער איז געווען שבת? האט ער געזאגט, אין יענע אין יענע שטאט. האט ר׳ איציקל געפרעגט: "וויפיל געלט האסטו געמאכט דארט?" האט ער געענטפערט כך וכך.

האט אים ר׳ איציקל געפרעגט: "וואס קומט זיך דיר אזויפיל געלט? דער טאטע ז"ל [דער טשערנאבלער מגיד] איז אויך געווען דארט, און ער האט קוים עפעס געמאכט...?"

האט ר׳ דוד׳ל זלאטיפאלער געענטפערט: "איך ווייס ניט".

האט ר׳ איציק׳ל סקווירער געזאגט: "די חורבן ביהמ"ק איז געווען וועגן שנאת חינם, און די תיקון אויף דעם איז אהבת חינם. וואס מיינט 'שנאת חינם' - מ׳האט פיינט יענעם און מ׳ווייסט נישט פארוואס. דער תיקון איז 'אהבת חינם' - מ׳האט ליב יענעם און מ׳ווייסט נישט פארוואס. אז מ׳גיבט געלט און מ׳ווייסט נישט פארוואס, איז דאס א תיקון אויף די עבירה פון שנאת חינם!"

## העכערע כוונות אין די נסיעות

וויבאלד ר׳ דוד׳ל זלאטיפאלער האט נישט באקומען רשות, פלעגט ער זיך בגניבה ארויסכאפן און ארומפארן נסיעות. איינמאל איז ער אנגעקומען אין שטאט קאמינקא, און מ׳האט אים גע׳מסר׳ט אז ער איז ארויסגעפארן אן רשות. אינמיטן שבת האט מען אים גענומען און געלייגט אין תפיסה.

דארט אין שטאט איז געווען א גביר א סקווירער חסיד ר׳ שמואל ליפסאן. וואס ער האט געהאט שייכות מיט די שרי המלוכה, האט מען אים געבעטן ער זאל גיין משתדל זיין מ׳זאל באפרייען ר׳ דוד׳ל זלאטיפאלער.

פארשטייט זיך אז ער האט זיך גלייך אריינגעלייגט אין דעם ענין און זיך געגאנגען משתדל זיין. ער איז טאקע אנגעקומען צו דער תפיסה, האט ער געפרעגט פון ר׳ דוד׳ל, וואס ער זאל זאגן פאר די ממשלה, פארוואס ער איז אהערגעקומען אן רשות?

האט ער געענטפערט מיט זיין תמימות: "וואס זאלסטו זאגן? זאג זיי אז דער טאטע איז געפארן, דער זיידע איז געפארן, פאר איך אויך... איך האב מורא אז מיין בן יחיד (ר׳ מאטעלע זלאטיפאלער) וועט נאך אויך פארן..."

*

ר׳ דוד׳ל זלאטיפאלער האט אמאל געזאגט: "אונז פארן נישט צו ברענגען אונזער חיונה (צו האבן פון וואו צו לעבן). אפילו ווען אונז וואלטן געווען אין א וואלד וואלטן אונז געהאט אונזער חיונה, נאר אונז פארן א טובה צו טון פאר דער וועלט!"

## בעל מופת

מ׳האט אמאל גערופן א זלאטיפאלער חסיד אין מיליטער. ער האט זיך פארלוירן און ער איז גלייך געפארן זיך איינמעלדן, און זיי האבן אים גלייך געשיקט צו די מיליטער.

ווען ער איז שוין דארט געווען האט ער זיך מיישב געווען אז ער האט געטון אזא נארישקייט זיך צו גיין שטעלן נאכפאר ער איז געפארן צו זיין רבי ר׳ דוד׳ל זלאטיפאלער, אפשר וואלט דער רבי גע׳פועל׳ט א ישועה? און ווי מער ער האט אריינגעטראכט האט ער זיך נישט געקענט מוחל זיין פארוואס ער איז געפארן אן גיין צום רבי׳ן פארדעם?

ער האט מחליט געווען אז כאטש אנטלויפן פון מיליטער איז א געוואלדיגע עבירה, מ׳האט געקענט באקומען טויט-שטראף, גייט אים עס נישט אן, ער אנטלויפט אן רשות. אינעם ערשטן געלעגנהייט איז ער אנטלאפן פון מיליטער, און גלייך געפארן צו ר׳ דוד׳ל.

ווען ער איז אנגעקומען האט אים דער גבאי געזאגט אז מ׳קען נישט אריינגיין יעצט, ווייל דער רבי פילט זיך נישט גוט, און מ׳לאזט יעצט קיינעם נישט אריין. האט ער אנגעהויבן שטארק צו וויינען, קוים-קוים וואס ער האט זיך איינגעשטעלט אין א סכנה, ער איז ארויס בגניבה, און דא לאזט מען אים נישט אריין?

ר׳ דודל׳ס זון ר׳ מאטעלע האט דאס געהערט, האט ער רחמנות געהאט, און אים אריינגעפירט פון א זייטיגע טיר צום טאטן. ווען ער איז אריינגעקומען פרעגט אים ר׳ דוד׳ל: "דו גייסט אין מיליטער? דארפסט נישט גיין..."

פרעגט ער דעם רבי׳ן: "וואס זאל איך יעצט טון?" האט ער אים געענטפערט: "פאר אהיים געזונטערהייט!" און ער האט זיך געזעגנט מיט אים. ער האט געהאט אמונת צדיקים אז דעם רבינ׳ס ברכה וועט מקויים ווערן און מ׳וועט אים נישט כאפן. כך הוה, מ׳האט אינגאנצן פארגעסן פון אים און מ׳האט אים אפילו נישט געזוכט.

אביסל שפעטער, א פרייטאג צונאכטס האט ער גע׳חלומ׳ט אז ער זעט זיין רבי, און ער זאגט אים: "איך האב טאקע געהייסן אז דו דארפסט נישט גיין אין מיליטער. אבער איך האב זיך מיישב געווען אז דו דארפסט נאך צוריקגיין פאר דריי חדשים".

ווען ער האט זיך אויפגעכאפט פון שלאף האט ער געטראכט אז ס׳איז נאר א חלום, האט ער זיך צוריקגעלייגט. שפעטער האט ער געהאט די זעלבע חלום אז דער רבי זאגט אים: "דו דארפסט צוריקגיין אין מיליטער פאר דריי חדשים..."

ער האט זיך אויפגעכאפט און צוריקגעגאנגען שלאפן, און ער האט א דריטע מאל געהאט די זעלבע חלום. האט ער געזען אז ס׳איז נישט קיין פשוט׳ע חלום, איז ער גלייך נאך שבת געפארן צו ר׳ דוד׳ל. ווען ער איז אנגעקומען האט אים דער רבי געזאגט די זעלבע זאך ווי אין חלום: "איך האב טאקע דעמאלס געזאגט אז דו דארפסט נישט גיין אין מיליטער, אבער איך האב זיך מיישב געווען אז דו זאלסט צוריקפארן און זיין דארט פאר דריי חדשים".

"אבער", האט דער רבי אויסגעפירט, "זאלסט געדענקען אז דו ביסט א איד, און וואס א איד האט צו טון..."

אז דער רבי הייסט האט מען נישט קיין קושיות. כאטש ס'איז געווען א סכנה פארן אנטלויפן אן רשות, איז ער גלייך צוריקגעגאנגען אין מיליטער, און קיינער האט אים קיין ווארט נישט געזאגט און נישט געפרעגט.

אינצווישן האט מען אים געשיקט אין אן אנדערע אפטיילונג, וואו ס'איז געווען נאך איין איד - א טשערנאבלער אייניקל.

א וואך שפעטער האט זיך געמאכט, אז דער הויפט אפיציר פון מיליטער איז געקומען באזוכן יענעם אפטיילונג. אלע סאלדאטן האבן זיך אויסגעשטעלט אין א שורה, און פונקט דעמאלס האט דער איד געהאלטן אינמיטן שמונה עשרה.

ער איז געווען אין א גרויסע פארלעגנהייט, וואס טוט מען יעצט? מ'טאר דאך נישט מפסיק זיין. מצד שני אויב וועט ער זיך נישט שטעלן צוזאמען מיט די סאלדאטן קען ער באקומען א געוואלדיגע שטראף, ס'איז ממש פיקוח נפש? ער האט געטראכט אהער און אהין, האט ער זיך דערמאנט אז דער רבי האט אים געהייסן 'ער זאל געדענקען אז ער איז א איד, און וואס א איד דארף צו טון'. האט ער גלייך אפגעמאכט אז ער וועט נישט מפסיק זיין אינמיטן שמו"ע, כאטש ער האט געוואוסט אז ס'קען אים טייער קאסטן...

ער האט ווייטער געדאווענט שמו"ע מיט א געוואלדיגע כוונה, ער האט מורא געהאט אז ס'איז זיין לעצטע תפילה אויף דער וועלט.

ווען ער האט געענדיגט דאווענען און ער איז אנגעקומען צו זיין פלאץ, האט אים דער אפיציר געפרעגט: "דו ווייסט וואספארא חטא דו האסט געטון יעצט?"

האט ער געזאגט: "איך ווייס אז ס'איז א חטא נישט צו שטיין אויפן פלאץ, אבער איך האב אין דער צייט געבעטן דעם אויבערשטן אז אונזער מלוכה - די רוסישע מלוכה - זאל באזיגן די מלחמה, און ס'זאלן נישט פאלן פון אונז קיין שום קרבנות נישט".

פרעגט אים דער אפיציר: "דו ווייסט וואספארא שטראף מ'קען באקומען פארן נישט אויספאלגן די באפעל פונעם אפיציר?"

האט ער געזאגט: "יא, איך ווייס". ער ווייסט אז ס'קומט אים 'טויט-שטראף', אבער ער האט געקענט באשטיין איינצושטעלן זיין לעבן, אבי צו קענען בעטן דעם אויבערשטן אז אונזער מלוכה זאל מצליח זיין.

פארן אפיציר איז דאס זייער געפאלן, האט ער געפרעגט: "אין דעם אפטיילונג איז דא נאך איינער וואס האט אזא געטריישאפט ווי דיר?" האט ער געענטפערט, יא, ער ווייסט פון נאך איינעם! און ער האט אים געוויזן יענע טשערנאבילער אייניקל.

דער אפיציר האט געהייסן מ'זאל גלייך באפרייען דעם טשערנאבלער אייניקל, אבער דעם איד האט מען געשטעלט צו א משפט. בשעת דער משפט האט ער אנגעטון זיין גלעזער, האט דער שופט געזאגט: "ער איז א בלינדער מענטש, איך דארף נישט אין מיליטער אזא איינעם!" מ'האט אים גלייך באפרייט. דאס איז געווען פונקטליך נאך דריי חדשים.

ווען דער איד פלעגט פארציילן די מעשה האט ער געזאגט: "זעט זיך אויס אז דער רבי האט מיר געוואלט מאכן א שליח צו באפרייען דעם טשערנאבלער אייניקל, וואס איז באפרייט געווארן פון מיליטער דורכדעם וואס איך בין צוריק פאר נאך דריי חדשים".

*

דער ר' בנציון קרינפיס פון וועם איך האב פריער פארציילט, האט שפעטער געוואוינט אין ירושלים. און ווען ער האט געוואוינט אין רוסלאנד איז ער געווען א גרויסער סוחר, און געפירט גרויסע ביזנעס מיט פארשידענע פריצים.

איינמאל האט ער געהאט א שווערע סכסוך מיט א פריץ, און ער האט זיך נישט געקענט דורכקומען. ער וואלט געקענט האבן שטארקע הפסדים אויב ער פאלט דורך, און דער פריץ האט אים נאך אויך געוואלט פאר'מסר'ן, האט ער געוואלט ווי פריער זיך אויסגלייכן מיט דעם פריץ.

איז ער קודם געפארן צו זיין רבי ר' דוד'ל זלאטיפאלער אויף שבת, און ער האט געטראכט אז מוצ"ש וועט ער אריינגיין צום רבי'ן נעמען א ברכה, און צופרי וועט ער גלייך פארן מיטן ערשטן באן זיך טרעפן מיטן פריץ.

מוצ"ש איז ער אריין צו ר' דוד'ל און זיך מזכיר געווען. און ר' דוד'ל פרעגט אים: "אזוי שנעל פארסטו שוין אוועק, וואס איילסטו זיך אזוי?" אזויוי ער האט דאס געהערט האט ער גארנישט געענטפערט, נאר געבליבן אויף זונטאג.

א טאג שפעטער איז ער נאכאמאל אריין זיך געזעגענען, און דער רבי פרעגט אים נאכאמאל: "וואס איילסטו זיך אזוי?" און דער רבי האט אים געזאגט: "איך וועל דיר שוין הייסן ווען צו פארן".

ס'איז דורך אפאר טעג און דער רבי האט אים נאכאלץ נישט גערופן, איז ער איין טאג אריין צום רבי'ן און געזאגט, אז ס'ברענט אים שוין צו פארן, ווייל ער וויל וואס פריער טרעפן דעם פריץ און אויסגלייכן דעם פלאנטער.

ר' דוד'ל זלאטיפאלער האט געהאט א שטיקל קפידא, און זיך אנגערופן מיט דעם לשון: "בראש (אויבן-אויף - לפנים) זאגן זיי אז זיי זענען חסידים, און פרעגן פרעגן זיי איבער..."

נאך אזא פסק האט ער זיך נישט דערוואגט איבערצופרעגן וועגן פארן, האט ער געטראכט אז ער וועט זיך שטעלן פארטאגס נעבן דעם רבינ'ס הויז ביים פארטש ווען דער רבי גייט שפאצירן יעדן טאג, אפשר וועט זיין אן עת רצון ער וועט קענען פועל'ן און אים שוין לאזן אוועקפארן.

אזוי איז דורכגעגאנגען אפאר טעג, איין פארטאגס רופט אים ר' דוד'ל צו און זאגט אים: "היינט קענסטו פארן מיט דעם און דעם באן".

דער ר' בנציון איז געווארן אינגאנצן צעמישט, ווייל די באן וואס דער רבי האט אים געהייסן פארן, פארט ממש די פארקערטע וועג פון וואס ער האט געדארפט פארן, אבער אז דער רבי הייסט פרעגט מען נישט קיין קשיות, איז ער אריינגעגאנגען צום באן-הויף, געקויפט א טיקעט צו פארן מיט יענעם באן וואס דער רבי האט אים געהייסן.

למעשה האט ער באמערקט אז פונקט איז ארויפגעקומען דער פריץ וועם ער האט געוואלט טרעפן. דער פריץ קומט צו צו אים און פרעגט אים: "פון וואו קומסטו יעצט?" ער האט זיך געוואלט ארויסדרייען פון אים, ביז ער האט אים ממש צוגעדרוקט, אז ער וויל ער זאל אים דערציילן פון וואו ער קומט?

האט ער דערציילט, אז ער קומט פון זיין רבי פון זלאטיפאלע. האט זיך אנגערופן דער פריץ: "אזא שרעקעדיגער ראבין האסטו? ביינאכט איז דער רבי געקומען צו אים אין חלום, און אנגעווארנט ער זאל זיך נישט דערוואגן צו טשעפענען דעם ר' בנציונ'ען...!"

דער פריץ איז איבערגעגאנגען דעם גאנצן ענין מיט ר' בנציון, און זיי האבן זיך אויסגעגליכן די גאנצע סכסוך וואס זיי האבן געהאט.

דעמאלס האט ער שוין פארשטאנען פארוואס ער האט אים נישט געלאזט פארן ביז יעצט.

### געמאכט א לבנה

ר' דוד'ל זלאטיפאלער האט געהאט בירושה א טיזליק (א פעלץ) פון זיין עלטער זיידע דער מאור עינים. יעדע חודש בשעת'ן מאכן קידוש לבנה האט ער אנגעטון דעם טיזליק.

איינמאל איז געווען זייער שטארק פארוואלקנט און מ'האט נישט געקענט מקדש זיין די לבנה. ר' דוד'ל זלאטיפאלער האט כסדר געשיקט דעם גבאי'ן זען צי ס'איז דא א לבנה, און דער גבאי האט יעדעס מאל געזאגט אז ס'איז נאכנישט דא קיין לבנה.

ביז ר' דוד'ל האט זיך געגעבן א רוף אן: "נו, מאכט מען א לבנה!" ער האט באלד אנגעטון דעם טיזליק פונעם מאור עינים, ער איז ארויס אינדרויסן, געגעבן א קוק ארויף אויפן הימל, און געגעבן א שאקל מיט די הענט (געוויזן כאילו די וואלקענעס זאלן זיך צעשפרייטן). גלייך איז אנגעקומען א שטארקע ווינט, אלע וואלקענעס האבן זיך צעשפרייט, און מ'האט געקענט מקדש זיין די לבנה.

### א איד איז אלעמאל פול

ר' דוד'ל זלאטיפאלער איז אמאל געזעסן ביי זיך אין שטוב, און געהערט ווי אינדרויסן איז איינער צוגעגאנגען צום גבאי'ן און געפרעגט: "מ'קען יעצט אריינגיין צום רבי'ן, דער רבי איזליידיג?" (ער האט געמיינט צו פרעגן, צי קיינער איז נישט דארט).

האט ר' דוד'ל זלאטיפאלער געגעבן א ציטער אויף, ער איז ארויסגעקומען פון שטוב און געזאגט פאר דעם איד: "א איד קען קיינמאל נישט זיין ליידיג, אדער איז ער מלא מיט 'תורה ויראת שמים', אדער איז ער 'מלא בושה וכלימה'...!"

## זכותם יגן עלינו ועל כל ישראל

להערות והארות יפנו להמספר הרה"ח ר' אברהם צבי אונגער שליט"א 845-274-1658
עריכה והגהה ע"י הרב יששכר יואל אונגער הי"ו 845-596-8865
צו באקומען די גליון MlavaMalka@gmail.com